ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת בהר

אידיש

**532**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שנים ושלשים

**• בהר •**

אין דעם פרק ווערן ערקלערט די ברכות און גוטע זאַכן וואָס קומען אויף דעם מענטש ווען ער טוט די מצוות פון דעם אויבערשטן, ווי אויך די שטראָף און קללות ח"ו ווען ער איז עובר אויף די מצוות פון דעם אויבערשטן.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געוועזן טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

# אינהאַלט

## פון צוויי און דרייסיגסטער פרק


א. דער גרויסער שכר וואָס אידן וועלן באַקומען פאַר היטן די מצוות, אויסגעטייטשט לויט די ברכות אין פרשת בחוקותי ........ ג

ב. נאָך באַלוינונג און מעלות פאַרן מענטש, וואָס ווערן אויסגעטייטשט לויט די ברכות אין פרשת כי תבוא. ........ ו

ג. עס זענען דאָ מענטשן וואָס ווערן נתפעל פון דעם גוטן שכר וואָס מען באַקומט פאַר מקיים זיין די מצוות, און עס זענען דאָ מענטשן וואָס ווערן נתפעל און דערשרעקן זיך פון די שטראָפן וואָס מען באַקומט פאַר נישט מקיים זיין די מצוות, און עס זענען דאָ מענטשן וואָס עס אַרט זיי נישט, און וועגן זיי זאָגט דער פסוק "ויצאו וראו בפגרי האנשים" וגו'. ........ ח

ד. די תוכחה פון פרשת בחוקותי און פון פרשת כי תבוא. ........ ט

ה. דער מענטש זאָל רעדן צו זיין יצר הרע אַז ער זאָל אים נישט מאַכן זינדיגן, נאָר ער זאָל מיט אים מיטאַרבעטן צו עבודת השם, און דער מענטש זאָל מאַכן מיט דעם יצר הרע אַ שטר אויף דעם. ........ י

ו. די תוכחה וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה, אויב אַ מענטש נעמט איר נישט אָן ביים לעבן, וועט ער נאָך זיין טויט ליידן דאָפּלט דערפון ח"ו. ........ יא

ז. די שמחה פון אַלע באַשעפענישן ווען אַ איד באַנוצט זיך מיט זיי כדי מקיים צו זיין די מצוות פון דעם אויבערשטן, און זיי בענטשן דעם מענטש צוליב דעם. ........ יב

# פרק שנים ושלשים

**דער גרויסער שכר וואָס אידן וועלן באַקומען פאַר היטן די מצוות, אויסגעטייטשט לויט די ברכות אין פרשת בחוקותי.**

**א. *ימי העונג,*** די טעג פון פאַרגעניגנס, און דאָס זיסע לעבן איז אין דער צייט ווען דער מענטש טוט דעם ווילן פון זיין באַשעפער. טרויעריגקייט און זאָרג, און צער און שווערע יסורים ח"ו קומען אויב דער מענטש איז עובר אויף די מצוות, אַזוי ווי עס שטייט אין פרשת בחוקותי, אויב איר וועט גיין אין מיין געזעצן, און איר וועט היטן מיינע מצוות, און איר וועט זיי טוהן, וועל איך געבן אייער רעגן אין דער צייט, און די ערד וועט געבן איר פרוכט, און די ביימער וועלן געבן זייערע פירות, און איר וועט האָבן פיל תבואה צו דרעשן, ביז עס וועט דערגרייכן צום שניט פון דער נייער תבואה, און איך וועל געבן פרידן אין לאַנד.

**ב. *הרבה,*** נו, ער האָט זיי צוגעזאָגט פיל טובות אין גשמיות'דיגע זאַכן, וואָס דער גוף פילט זיי, און וואָס זיי זענען אַ הכנה, אַ צוגרייטונג צו דערגרייכן דורך זיי די גאַנצקייט פון דער נשמה, זוכה צו זיין צו חיי עולם הבא.

**ג. *והתחיל,*** און ער האָט אָנגעהויבן פון דעם רעגן, און ער האָט זיי צוגעזאָגט "**ונתתי גשמיכם בעתם**", איך וועל געבן אייערע רעגנס אין זייער צייט, ווייל אַז זיי קומען אין צייט, וועט די לופט זיין קלאָר און גוט, און די טייכן און קוואַלן גוטע, און דאָס וועט ברענגען געזונטהייט, און אַלע פירות וועלן ווערן פאַרמערט, און די מענטשן וועלן נישט קראַנק זיין, און וועלן אויסלעבן זייערע יאָרן. און אַז דער מענטש איז געזונט, און ער האָט נישט קיין שום צער, איז דאָס אַ צוגרייטונג צו קויפן פאַר זיך דאָס אייביגע לעבן.

**ד. ואמר,** ער זאָגט ווייטער, און די ערד וועט געבן איר פרוכט, **״ועץ השדה יתן פריו״**, דער בוים וועט נאָר געבן פירות וואָס ער איז געוואוינט, און נישט מער. נו, פונדעסטוועגן וועט פאָרט זיין אַ סאַך, ביז דאָס דרעשן פון דער תבואה וועט דערגרייכן דעם שניט פון דער נייער תבואה.

**ה. ואין,** און דאָס איז נישט קיין טרעפונג, נאָר פון דעם אויבערשטנ׳ס השגחה. אָבער ווען דער בוים זאָל געבן זייער פיל פירות, וואָלט מען געקענט זאָגן, עס איז אַ מקרה, עס האָט זיך פונקט געטראָפן.

**ו. גם,** אויך זאָגט ער ווייטער, **״וישבתם לבטח בארצכם״**, איר וועט זיצן זיכער אין אייער לאַנד, איר וועט קיין שום שונא נישט האָבן.

**ז. גם,** אויך זע וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא זאָגט צו די מענטשן וואָס היטן זיינע מצוות, אַז אויך ווען זיי וועלן קומען אין קבר אַריין ווערט געזאָגט **״ונתתי שלום בארץ״**, אַז נאָך זייער טויט וועל איך זיי געבן פרידן מיט דער ערד, דאָס מיינט אַז די ערד וועט נישט פאַרפוילן זייערע גופים, נאָר זיי וועלן ליגן אין זייער קבר מיט די גאַנצע גופים, אַזוי ווי לעבעדיגע מענטשן, אַזוי ווי רבי אלעזר ברבי שמעון איז געלעגן נאָך זיין טויט עטליכע און צוואָנציג יאָר אויף אַ בוידעם, אַזוי ווי איינער וואָס ליגט אויף אַ בעטל, און אַז מענטשן פלעגן קומען צו האַלטן דין תורה׳ס פאַר אים, פלעגט אַראָפּגיין אַ קול פון דעם בוידעם, דער דאָזיגער איז זכאי און דער דאָזיגער איז חייב.

**ח. גם,** אויך שטייט ווייטער אין פסוק **״והשבתי״**, און איך וועל פאַרשטערן, **״חיה רעה מן הארץ״**, אַ בייזע חיה פון דער ערד. דאָס מיינט מען, די ווערים וועלן נישט געוועלטיגן אויף זיי, אַזוי ווי אין די גופים פון די רשעים, און דאָס אַלץ איז דערפאַר ווייל **״וחרב לא תעבור בארצכם״**, די שווערד פון דעם מלאך המות וועט נישט

אַריבערגיין אין אייער לאַנד, איר וועט נישט שטאַרבן דורך דעם מלאך המות, נאָר מיט דער מיתה פון נשיקה, וויבאַלד איר היט מיינע מצוות.

**ט. ובזה,** און דורך דעם "**ורדפתם את אויביכם**", וועט איר נאָכיאָגן אייערע פיינט, די מקטריגים, "**ונפלו לפניכם**", און זיי וועלן פאַלן פאַר אייך, "**לחרב**", פאַר דער שווערד פון דער תורה וואָס איר האָט געלערנט. "**ורדפו מכם חמשה מאה**", פינף מצוות וועלן נאָכיאָגן הונדערט מקטריגים, און הונדערט מצוות וועלן נאָכיאָגן צען טויזנט מקטריגים.

**י. גם,** אויך זאָלט איר וויסן, אַז דעם שכר גיב איך צו יעדן איינעם לויט ווי ער האָט זיך געווענדעט צו מיר ביים טוהן די מצוה, און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט "**ופניתי אליכם**", איך זע אייער אומקערונג צו מיר, און לויט די אומקערונג וועל איך אייך געבן שכר. אַ טייל פון אייך "**והפריתי אתכם**", און אַ טייל פון אייך "**והרביתי אתכם**", און אַ טייל פון אייך "**והקימותי את בריתי אתכם**".

**יא. ואחר זה,** און דערנאָך איז דער פסוק זיי מרמז, אַז זיי וועלן עסן פון דער סעודת לויתן און יין המשומר, און דאָס מיינט דער פסוק צו זאָגן "**ואכלתם ישן נושן**", און איר וועט עסן די צוויי אַלטע זאַכן וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פון די ששת ימי בראשית, דאָס איז דער לויתן און דער יין המשומר. "**וישן מפני חדש תוציאו**", איר וועט האָבן אַזוי פיל פאַרגעניגענס, אַז נאָכדעם ווי איר וועט ווערן זאַט פון עסן די אַלטע שפייז, דעם לויתן און דעם יין המשומר, וועט איר אַרויסנעמען די אַלטע פאַרגעניגנס פאַר די נייע פאַרגעניגנס וואָס וועלן אָנקומען.

**יב. ואחר זה,** און דערנאָך איז דער פסוק מרמז דעם שכר אין עולם הבא, "**ונתתי משכני בתוככם**", איך וועל געבן

מיין רואונג צווישן אייך, און איך וועל זיין צו אייך פאַר אַ גאָט, און יעדער פון אייך וועט זאָגן, דאָס איז אונזער גאָט וואָס מיר האָבן געהאָפט צו אים.

**נאָך** האָט ער צו זיי געזאָגט: "**ואולך אתכם קוממיות**", און איך וועל אייך פירן שטאַנדהאַפטיג לעתיד לבוא, אַז איר וועט הנאה האָבן פון דער לויטערקייט פון דער שכינה.

**יג. הרי**, נו, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא זיי מרמז געווען דעם שכר פון עולם הזה, וואָס ער געהער צום גוף, און פון דעם גוטס וואָס עס וועט זיי דערגרייכן נאָך זייער טויט, אַז ווען זיי וועלן זיין אין קבר, וועט קיין פוילקייט און קיין ווערים נישט געוועלטיגן אין זיי, און קיין מקטרג וועט נישט קענען ביישטיין קעגן זיי, און זיי וועלן זוכה זיין צו די סעודת לויתן און יין המשומר, און צו זיין אין גן עדן, און זיי וועלן הנאה האָבן פון די שיין פון דער שכינה, און עס וועט זיי נישט דערגרייכן קיין שום שאָדן.

## נאָך באַלוינונג און מעלות פאַרן מענטש, וואָס ווערן אויסגעטייטשט לויט די ברכות אין פרשת כי תבוא.

**יד. ובברכות**, אויך אין די ברכות פון פרשת כי תבא, האָט דער אויבערשטער ברוך הוא זיי מבטיח געווען אויף דעם שכר פון עולם הזה אַזעלכע ברכות וואָס בעסערס פון זיי איז שוין נישטאָ. דער פסוק זאָגט: "אויב דו וועסט צוהערן דאָס קול פון דיין גאָט, צו טאָן אַלע זיינע מצוות וואָס איך באַפעל דיך היינט", "**ונתנך ה' עליון**", וועט דער אויבערשטער ברוך הוא דיך געבן צו אַלעם העכסטן.

**טו. ראה**, זע די דאָזיגע מעלה, אַז כאָטש יעדעס פאָלק האָט זיך געהאַלטן אַז עס איז גאָרנישט דאָ איר'ס גלייכן מיט חכמה און מעלות אונטער דעם הימל, פונדעסטוועגן האָבן זיי מודה געווען אַז דו ביסט העכער פון זיי, און דאָס וועסטו דערגרייכן ווען דו וועסט

זיך צוהערן צום קול פון אויבערשטן. און ער זאָגט ווייטער, **"ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך"**, און דער אויבערשטער ברוך הוא וועט שיקן די אַלע ברכות אַז זיי זאָלן קומען צו דיר, און זיי וועלן דיך דערגרייכן, כדי דו זאָלסט פאַרזוכן פון אַלע ברכות.

**טז. גם,** אַזוי אויך זאָגט דער פסוק **"ברוך אתה בעיר וברוך אתה בשדה"**, געבענטשט ביסטו אין דער שטאָט, און געבענטשט ביסטו אין פעלד. כאָטש דאָס טוישן די לופט שאַדט פאַר דעם מענטש, און די לופט פון דער שטאָט מיט די לופט פון פעלד זענען נישט גלייך, פונדעסטוועגן וועט צו דיר נישט געשען קיין שאָדן ווען דו וועסט טוישן די לופט, סיי ווען די וועסט זיין אין דער שטאָט און סיי ווען דו וועסט זיין אין פעלד, אין יעדן אָרט וועסטו זיין געבענטשט.

**יז. ועוד,** און נאָך אַ מעלה האָט ער דיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט דיך מאַכן פאַר אַ הייליג פאָלק, און דאָס וועט אַלץ זיין אויב דו וועסט היטן די מצוות פון דיין גאָט, און דו זאָלסט גיין אין זיינע וועגן, דהיינו, אַזוי ווי ער איז אַ דערבאַרעמדיגער, אַזוי זאָלסטו אויך זיך דערבאַרעמען אויף די אָרימעלייט, דעמאָלט ביסטו גלייך צו אים כביכול אין דעם ענין פון טוהן די מצוות, דעריבער וועט ער דיך רעכענען פאַר אַ הייליג פאָלק.

**יח. גם,** אויך ווען דו וועסט מקיים זיין די מצוות, וועט דער הייליגער נאָמען זיין אָנגעצייכנט אויף דיין פנים אויף אַזאַ אופן אַז אַלע זאָלן דאָס זען, און דאָס מיינט דער פסוק **"וראו כל עמי הארץ כי שם ה'"**, אַלע פעלקער וועלן זען אַז דער נאָמען פון דעם אויבערשטן, **"נקרא עליך"**, ווערט געלייענט אויף דיר, גלייך ווי ער וואָלט געווען געשריבן אויף פאַרמעט מיט טינט.

**יט. גם,** אויך דער מענטש וואָס לעבט לאַנג זעט אָפט שלעכטע טרעפונגען ח"ו, דהיינו קינדער שטאַרבן ח"ו, אָדער ער

פאַרלירט געלט, אָבער דו, וואָס דו היטסט די מצוות, וועט דער אויבערשטער ברוך הוא דיך איבערלאָזן אויף דער וועלט אַז דו וועסט לאַנג לעבן צום גוטן, און דו וועסט נישט זען דיינע קינדער שטאַרבן ח"ו. אויך וועסטו נישט האָבן קיין שאָדן, און אַלע וועלן דאָס זען, און פונדעסטוועגן וועט אַן עין הרע נישט שולט זיין אויף דיר.

**כ. גם,** נאָך אַ הצלחה וועסטו דערגרייכן, אַז דו וועסט טוהן דעם ווילן פון דיין באַשעפער, אַז דו וועסט פלאַנצן אַ ווייגאָרטן, און דו וועסט בויען אַ הויז, און די טבע איז דאָך אַז דער רעגן איז גוט פאַר די פלאַנצונג, און עס שאַדט צו דעם בנין, אָבער דו וועסט האָבן רעגן אין דער צייט, וואָס עס וועט העלפן צו דער פלאַנצונג און וועט נישט שאַטן פאַר דיין געביידע.

**כא. וכל,** און דאָס אַלץ וועט זיין אויב דו וועסט זיך צוהערן צו דיין באַשעפער צו היטן זיינע מצוות לא תעשה, און צו טוהן זיינע מצוות עשה.

**כב. הרי,** נו, דו, מענטש, וויפיל מעלות און ברכות עס וועלן דיך דערגרייכן אויב דו וועסט נאָר היטן זיינע מצוות, און ווי אַזוי קענסטו אַוועקוואַרפן די דאָזיגע טובות?

**עס זענען דאָ מענטשן וואָס ווערן נתפעל פון דעם גוטן שכר וואָס מען באַקומט פאַר מקיים זיין די מצוות, און עס זענען דאָ מענטשן וואָס ווערן נתפעל און דערשרעקן זיך פון די שטראָפן וואָס מען באַקומט פאַר נישט מקיים זיין די מצוות, און עס זענען דאָ מענטשן וואָס עס אַרט זיי נישט, און וועגן זיי זאָגט דער פסוק "ויצאו וראו בפגרי האנשים" וגו'.**

**כג. ובהיות,** און ווייל די טבע פון דעם רשע איז צו זאָגן אַז ער וויל פאַרלירן די אַלע טובות כדי צו דערפילן די תאוות פון זיין יצר הרע, דעריבער וועל איך פאַר דיר אויך שרייבן די האַרבע

שטראָף וואָס קומט אויף דעם זינדיגן מענטש, וואָס איז עובר אויף די מצוות צו דערפילן די תאווה פון זיין יצר הרע, טאָמער ער וועט עס הערן, וועט ער תשובה טוהן, ער זאָל עס שוין מער נישט טוהן. און ווייל די טבעיות פון מענטשן זענען פאַרשידן, עס זענען דאָ אַ טייל מענטשן וואָס ווערן גערירט תשובה צו טון ווייל זיי האָבן מורא אַז זיי וועלן פאַרלירן דאָס גוטס וואָס שטייט פריער, דעריבער האָב איך אויסגערעכנט די אַלע ברכות און די מעלות פון די מענטשן וואָס היטן די מצוות.

**כד. ויש,** עס זענען אָבער דאָ מענטשן, וואָס דאָס אַרט זיי נישט, נאָר ווען זיי הערן די שטראָף פאַר די עבירות פאַרמיידן זיי זיך פון צו זינדיגן, דעריבער בין איך מודיע וועגן די קללות וואָס שטייען אין פרשת בחוקותי און אין פרשת כי תבוא, און די מענטשן וואָס עס באַווירקט זיי נישט תשובה צו טוהן נישט צוליב אַלע טובות וואָס קומען אויף דעם מענטש וואָס טוט גוטס, און נישט צוליב אַלע עונשים וואָס קומען אויף דעם מענטש וואָס טוט שלעכטס, די דאָזיגע מענטשן ווערן אָנגערופן מתים, טויטע רח״ל, און פון זיי שמועסט נישט די תורה. זיי וועלן אויסגעמעקט ווערן פון דעם ספר החיים. זיי ווערן אָנגערופן פושעי ישראל בגופם, און אויף אַזעלכע ווערט געזאָגט דער פסוק **״ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי״**, און די צדיקים וועלן אַרויסגיין, און וועלן זען אין די גופים פון די מענטשן וואָס האָבן פושע געווען קעגן מיר, **״כי תולעתם לא תמות״**, ווייל די ווערים וואָס וועלן זיי עסן, וועלן נישט שטאַרבן, אויב זיי זענען געשטאָרבן אָן תשובה.

## די תוכחה פון פרשת בחוקותי און פון פרשת כי תבוא

**כה. והנה,** (פונעם איבערטייטשער) דאָ רעכנט דער מחבר אויס אַלע קללות פון פרשה בחוקותי, און פון משנה תורה, האָב איך נישט געוואָלט פאַרטייטשן קללות אויף די אידן ח״ו, דער

אויבערשטער ברוך הוא זאָל געבן אַז פון אַלע קללות זאָלן ווערן ברכות אויף די אידן, אמן.

**כו. ואפשר,** מען קען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס די קללות פון משנה תורה זענען נאָר געזאָגט געוואָרן ווי ער רעדט מיט איין מענטש. דער טעם איז, ווייל ווען אַ סאַך מענטשן האָבן געזינדיגט, און די קללות זענען מקויים געוואָרן ביי איינעם, אָדער אַ טייל פון זיי ביי איינעם, און אַ טייל ביי דעם אַנדערן, ז דאָס גערעכנט גלייך ווי זיי זענען מקויים געוו ָרן ביי אַלע.

**דער מענטש זאָל רעדן צו זיין יצר הרע אַז ער זאָל אים נישט מאַכן זינדיגן, נאָר ער זאָל מיט אים מיטאַרבעטן צו עבודת השם, און דער מענטש זאָל מאַכן מיט דעם יצר הרע אַ שטר אויף דעם.**

**כז. ואתה,** און דו, מענטש, זע די שטראָפן וואָס קומען אויף דעם מענטש פאַר זיינע זינד, און רעד מיט דיין יצר הרע. דו זאָלסט אים זאָגן, זאָל איך דען צוליב אַ רגע תענוג ליידן אַלע קללות און עונשים פון דער תוכחה, חס וחלילה. אויב דו זאָלסט מיר האַפטן אַז דו וועסט ראַטעווען מיין נשמה, וואָלט איך דיך אפשר געהערט, איך ווייס אָבער אַז דו ביסט אויף אַ קנעכט און ביסט געבאָטן געוואָרן מיך איבערצורעדן, און פאַרוואָס טוסטו מיך נאָכיאָגן אין אַלע צייטן, דו ביסט נישט מפסיק איין רגע דערפון, אויף דעם ביסטו דאָך נישט געבאָטן געוואָרן, וואָס פאַר אַ שכר וועסטו דערפאַר נעמען, און וואָס פאַראַ שמחה וועט צו דיר דערגרייכן פון דעם וואָס דו וועסט זען אַז מיין גוף ווערט געשלאָגן און געפייניגט צוליב דעם וואָס דו רעדסט מיך אַזוי פיל אָן, וועסטו געוויס באַקומען אַ שטראָף. ביסטו דען בעסער פון מיר, אַז איך בין עובר אויף דעם ווילן פון באַשעפער, זענען צו מיר אָנגעגרייט די יסורים וואָס שטייען דערמאנט פריער, אַזוי אויך דו וועסט אויך האָבן אַ עונש וואָס דו ביסט עובר אויף דעם ווילן פון

דיין באַשעפער, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא האָט דיך נישט געבאָטן, אַז דו זאָלסט מיט מיר אַזוי שווער מלחמה האַלטן, און וואָס וועסטו ענטפערן אין דעם טאָג ווען דער אויבערשטער ברוך הוא וועט דיך ברענגען צום דין.

**כח. לכן,** דעריבער, הער מיין עצה, קום און לאָמיר ביידע שלום מאַכן, מיר זאָלן שווערן איינער דעם אַנדערן, אַז מיר זאָלן נישט פעלשן אין אונזער באַשעפער, און זיינע מצוות זאָלן מיר מקיים זיין מיט אונזער גאַנץ האַרץ, און צו ברענגען הילף צו דער נשמה וואָס איז גענומען געוואָרן פון אונטערן כסא הכבוד, און דער אויבערשטער ברוך הוא וועט אונז געבן שכר פאַר אונזערע מעשים אין גן עדן, און אויב דו ווילסט אין דעם אַ שותפות אָן ערמה, איז לאָמיר חתמ׳ענען צוויי עדות, דאָס זענען דער הימל און ערד, און מיר וועלן זיך אַליין אויך אונטערשרייבן דערויף, אַז מיר וועלן נישט עובר זיין אויף אַלעם וואָס שטייט אין דער תורה, און מיר וועלן אַרויסשרייבן אַז אין דעם ריוח פאַר די מצוות וועלן מיר זיך צעטיילן מיט גערעכטיקייט, און צו מזל לאָמיר אָנהייבן די שותפות דערמיט וואָס מיר וועלן ביידע גיין אין בית המדרש אַריין צו הערן תורה פון תלמידי חכמים, און צו לערנען פון זיי דעם גוטן וועג, און צו היטן די מצוות, דעם אויבערשטנ׳ס געזעצן און זיינע תורות. אַזוי זאָל דער מענטש זאָגן צו זיין יצר הרע יעדן טאָג, ביז ער וועט אים איבערקערן צו אַ יצר טוב.

## די תוכחה וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה, אויב אַ מענטש נעמט איר נישט אָן ביים לעבן, וועט ער נאָך זיין טויט ליידן דאָפּלט דערפון ח״ו.

**כט. ודע,** און וויס, דו, מענטש, אַז די קללות און די שטראָפן וואָס שטייען געשריבן אין דער תורה אַז דער רשע ווערט מיט זיי געשטראָפט ווען עס גרייכט אים נישט פון זיי ביי זיין לעבן וועט נאָך זיין טויט די נשמה ליידן צער פיל מאָל אַזוי פיל, און זיינע שווערע

זינד האָבן אים דאָס מחייב געווען אַז ער זאָל נישט באַקומען זיין שטראָף אין עולם הזה, כדי ער זאָל באַקומען אַ פילפאַכיג גרעסערע שטראָף אין עולם הבא.

**די שמחה פון אַלע באַשעפענישן ווען אַ איד באַנוצט זיך מיט זיי כדי מקיים צו זיין די מצוות פון דעם אויבערשטן, און זיי בענטשן דעם מענטש צוליב דעם.**

**ל. כמה,** וויפיל שמחה האָט דער ים אַז דו נעמסט פון אים זאַלץ צו זאַלצן דאָס פלייש, כדי נישט עובר צו זיין אויף דעם לאו פון "**לא תאכל דם**", דו זאָלסט נישט עסן קיין בלוט, און איינצוטונקען אין זאַלץ די "המוציא", און אַז דו נעמסט פון אים פיש אויף שבת קודש, און פיל ברכות וועלן דיך דערגרייכן פון דעם ים דערפאַר.

**לא. כמה,** וויפיל פרייד טוט דערגרייכן צו יעדן בוים וואָס אויף אים וואַקסן פירות, בשעת דו נעמסט פון זיי שיינע פירות צו לויבן צו דעם באַשעפער, און צו נעמען פון זיי אַ הדס, און אַן ערבה, צוזאַמענצובינדן זיי מיט דעם לולב, און צו נעמען פון זיי ביכורים אין בית המקדש צו די כהנים, וואָס זענען די באַדינערס פון אויבערשטן.

**לב. אָז,** דיביימער פון דעם וואַלד זינגען ווען דו נעמסט פון זיי האָלץ צו בויען אַ הויז, אַריינצוזעצן דערין אַ מזוזה, און צו מאַכן אַ "מעקה" – אַ צוים אַרום דעם דאַך, און צו בויען אַ שוהל צו דאַווענען, און צו מאַכן אַן ארון הקודש, אַז די ספר תורה זאָל דאָרט שטיין, און צו מאַכן זיילן אין דער שוהל, און צו קאָכן מיט זיי לכבוד שבת און יום טוב, אָדער אויף אַ סעודת מצוה, און אָנצואוואַרעמען וואַסער צו וואַשן דערמיט די קליידער לכבוד שבת און יום טוב. פון זיי ווען דיר דערגרייכן אַ סאַך ברכות, אַז דו ווערסט דורך זיי דינען דעם אויבערשטן געלויבט איז ער.

**לג. כמה,** וויפיל פרייד איז צו די בערג און טאָלן, אַז דו נעמסט פון זיי שטיינער צו בויען אַ שוהל, און אין בית המדרש צו לערנען תורה. אויך אַז דו נעמסט זיי צו מאַכן מצבות אויף די קברים.

**כמה,** וויפיל מעלות דערגרייכן צו אַ בהמה אָדער אַן עוף, אַז דו נעמסט פון זיי אויף קרבנות, און צו שחט'ן זיי לכבוד שבת און יום טוב, און צו מאַכן פון זייער פעל פאַרמעט צו שרייבן אַ ספר תורה, און צו מאַכן גידים זיי צוצונייען, און צו נעמען פון זיי אַ האָרן אויף אַ שופר, צו בלאָזן מיט אים אין ראש השנה, און וואָל אויף ציצית.

**לד. כמה,** וויפיל מעלות דערגרייכט צו דער תבואה פון פעלד, אויב דו שיידסט אָפּ פון זיי תרומה און מעשר, און חלה, און דו ביסט מקיים לקט שכחה פאה, און צו נעמען פון זיי זעמל מעל אויף מנחות, און אויף לחם הפנים, און גערשטן אויף דעם עומר און אויף דעם קרבן פון אַ סוטה, און ברויט צו עסן כדי צו מאַכן די ברכה פון המוציא, און בענטשן און מקיים צו זיין הכנסת אורחים, וויפיל ברכות דערגרייכן צו דיר פון זיי, און בפרט אַז דו טוסט געבן אַ שטיקל ברויט צו אַן אָרעמאַן.

**לה. מקולות,** וויפיל פרייד האָבן די וואַסערן, ווען דו נעמסט זיי צו ניסוך המים אין בית המקדש, און מטהר צו זיין די טמאים און מאַכן אַ מקווה, און צו וואַשן זיך צו אַ סעודה, און צו מים אחרונים פאַר ברכות המזון, און נאָך פיל זאַכן צו דער דינסט פון דעם באַשעפער.

**לו. כמה,** וויפיל פרייד איז דאָ צו דער ערד, אַז דו נעמסט איר צוצודעקן דאָס בלוט פון אַ חיה און אַן עוף, און אויך צוצודעקן די ערלה, און צו באַהאַלטן אַזעלכע ספרים וואָס זענען פאַרפוילט געוואָרן, און צו אַקערן און זייען, און מקיים צו זיין נישט צו אַקערן מיט אַן אָקס און אַן אייזל צוזאַמען, און נישט צו זייען כלאים, און צו באַהאַלטן אין איר אומריינע זאַכן עס זאָל פאַרלוירן ווערן.

**לז. כמה,** וויפיל מעלות קריגט דאָס פייער ווען דו מאַכסט די ברכה "בורא מאורי האש", און אַז דו פאַרברענסט דעם חמץ, און דו טוסט קאָכן און באַקן לכבוד שבת.

**לח. כמה,** וויפיל מעלות איז דאָ צו דיין גאָלד און זילבער, ווען דו געבסט עס אויף אַ דבר מצוה, און דו ביסט מחזיק די לומדי תורה, און צו מאַכן דערפון כלי קודש, און טויזנטער ברכות וועלן צו דיר דערגרייכן, אויב דו וועסט דינען דעם אויבערשטן דורך זיי.

**לט. כמה,** וויפיל גוטע מעלות דערגרייכן צו די אבנים טובות, די טייערע שטיינער און פערל, אַז דו נעמסט פון זיי צו דעם אֵפוד און צו דעם חושן, און אויסצוצירן כלות, און נאָך אויף אַ סאַך זאַכן וואָס זיי נוצן צו דעם אויבערשטנ'ס דינסט, און פיל ברכות וועלן דיך דערגרייכן דורך זיי, אויב דו וועסט דורך זיי דינען דעם אויבערשטן.

**מ. כמה,** וויפיל שמחה דערגרייכט צו דעם האָן, אַז ער קרייעט האַלבער נאַכט, צו דערוועקן דיך פון דיין שלאָף, און דו שטייסט אויף צו לערנען תורה.

**מא. כמה,** וויפיל גוטע געדאַפלטע מעלות זענען פאַראַן צו די טעג, און צו די יאָרן, און צו די שבתים און ימים טובים און ראשי חדשים, אַז דו ביסט אין זיי מקיים די מצוות פון דיין באַשעפער, יעדע מצוה אין זיין צייט, און וויפיל מעלות און לויבונג וועלן צו דיר קומען פון זיי אַז דו וועסט מיט זיי דינען דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**מב. כמה,** וויפיל ברכות וועלן דיך דערגרייכן פון די זיבעציג פעלקער, אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק **"ברוך תהיה מכל העמים"**, דו וועסט זיין געבענטשט פון דעם מויל פון אַלע פעלקער.

**גם,** פון דאָ, ביז "ואתה בן אדם", איז קבלה, קען מען דאָס נישט שרייבן אויף אידיש, (פונעם איבערטייטשער).

**מג. ואתה,** און דו, מענטש, דיינע איברים זאָלן זיך שעמען, אַז דו טוסט זיך דערמאַנען די בושה וואָס דו ביסט גורם צו די אויבערשטע הייליגע, און דעם פגם וואָס דו מאַכסט אין די הייליגע ערטער, און פאַרוואָס זאָלסטו זיך נישט פאָרכטן און שרעקן מיט אַ גרויסע שרעק, ביז עס זאָל אין דיין גוף נישט איבערבלייבן איין אבר גאַנץ.

**מד. איך,** ווי אַזוי קען אַ שוואַכע באַשעפעניש גורם זיין אַזוי פיל פגמים און קללות פון די אויבערשטע און אונטערשטע, ח"ו. דו, מענטש, טו תשובה, און עס וועלן פאַרריכט ווערן אַלע זאַכן, און עס וועלן דיך דערגרייכן ברכות פון אַלע באַשעפענישן.

**מה. כי,** ווייל דורך דיינע גוטע מעשים וועלן זיך פרייען די הימלען און די ערד, ווייל דורך דיינע גוטע מעשים דערגרייכט אַ שמחה צו די אויבערשטע וועלטן, און צו אַלע באַשעפענישן, און אַלע וועלן דיך לויבן און בענטשן.

**מו. כמה,** וויפיל פון די פרייד דערגרייכט צו דער זון און צו דער לבנה אַז דו לויבסט דורך זיי צו דעם באַשעפער וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, זיין נאָמען איז ה' צבאות. אויף דער זון מאַכסטו אַ ברכה איין מאָל אין אַ מחזור גדול [פון אַכט און צוואָנציג יאָר, צו די אַנדערע אַכט און צוואָנציג יאָר], און אויף דער לבנה מאַכסטו אַ ברכה יעדן חודש, און דו ציילסט פון דער לבנה חדשים און יאָרן, קובע צו זיין ימים טובים, כדי מקריב צו זיין קרבנות, און צו לויבן דעם באַשעפער אויף די טובות און חסדים וואָס ער האָט מיט אונז געטאָן, וואָס צוליב זיי זענען די ימים טובים געזעצט געוואָרן.

**מז. וכמה,** און וויפיל ברכות וועלן דיך דערגרייכן פון זיי, ווייל דו ביסט דורך זיי מקיים דעם ווילן פון באַשעפער.

**מח. כמה,** וויפיל פרייד דערגרייכט צו די שטערן פון הימל, וואָס דורך זיי מאַכסטו נידעריג דיין גאווה, ווי עס שטייט אין פסוק "**כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננתה, מה אנוש**", אַז איך זע דיינע הימלען, די לבנה און די שטערן, זע איך וואָס ס'איז דער מענטש. און וויפיל ברכות וועלן דיר גרייכן פון די הימלען און שטערן.

**מט. ואם,** און אויב דער רשע נעמט נישט זיין שטראָף אויף דער וועלט, וואָס דער עונש פון עולם הזה איז גרינג, וועט ער נעמען זיין שטראָף אויף עולם הבא וואָס איז פיל ערגער.

**נ. לכן,** דעריבער זאָל דער זינדיגער מענטש וויסן אַז אויב ער זינדיגט און ווערט נישט געשטראָפט, זאָל ער וויסן אַז דאָס איז פון זיין אומגליק, און ער זאָל זיך צוריקקערן צו דעם אויבערשטן, וועט ער זיך דערבאַרעמען איבער אים, ווייל ער טוט מערן צו פאַרגעבן.